**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער האקול איבער משכונות באפרייאונג אפמאך אין עזה**

"נעכטן האב איך צוזאמגערופן א באגעגעניש מיט ניו יארק'ס קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע פוןביידע פארטייען און מיט מענטשן פון די פאמיליעס וועמען'ס באליבטע זענען פארכאפט געווארן אלס משכונות דורך כאמאס. די פאמיליעס האבן מיטגעטיילט זייערע געשיכטעס און זייער טרויער מיט אונז, און מיר האבן פארשפראכן צו טוהן אלעס מעגליך צוריק אהיים צו ברענגען זייערע באליבטע זיכערערהייט.

מיר באגריסן די נייעס אז אן אפמאך איז אויסגעהאקט געווארן צו באפרייען משכונות וואס ווערן געהאלטן דורך כאמאס, אריינרעכענענדיג אמעריקאנע משכונות. די געשעפט וואלט נישט מעגליך געווען אן די אויסערגעווענטליכע באמיאונגען פון פרעזידענטביידן און זיין אדמיניסטראציע.

דאס איז טאקע א געוואלדיג גוטע טריט, אבער מיר קענען נישט רוהען ביז יעדער משכון ווערן זיכערערהייט באפרייט און אומגעקערט אהיים. איך האב זיך געטראפן מיט אזויפיל צובראכענע פאמיליעס זינט אקטאבער 7, סיי אין ניו יארק און סיי אויף מיין רייזע קיין מדינת ישראל, און איך האב אריבערגעפירט זייער רוף פאר דרינגענדע שריט צו די פירער אין וואשינגטאן און אין מדינת ישראל. אין די צייט וואס מירווארטן פאר ווייטערע אינפארמאציע פון דעם ווייסן הויז, זעצן מיר פאר צו רופן פאר די באשיצונג און באפרייאונג פון די וועלכע זענען נאכאלץ אין כאמאס'ס געפענגעניש."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418